**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/23/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**ביי די ניו יארק סטעיט פעיר שרייבט גאווערנער האקול אונטער עקזעקיוטיוו ארדער פארמערנדיג סטעיט איינקויפונגען פון לאקאלע עסנווארג פון פארמער**

***סטעיט אגענטורן צו פארגרעסערן פראצענטן פון עסנווארג וואס ווערט איינגעקויפט פון ניו יארק פארמער און פראדוצירער צו 30 פראצענט ביז 2028***

***גאווערנער האקול שרייבט אויך אונטער בילס צו אדרעסירן טעכנישע שוועריגקייטן אין פארמינג און צו פארשטערקערן אגריקולטור פעדערונג און שטיצט קלענערע און נייע פעירס***

***ביל (A.1528-A/S.1723-A) צו צוזאמברענגען סטודענטן צו אויפקומען מיט נייע אגריקולטורישע טעכנאלאגיעס אלץ טייל פון די ניו יארק סטעיט פעיר***

***ביל (A.2935/S.5526) צו שטיצן קלענערע און נייע פעירס אריבער די סטעיט און שטופן פאר יונגווארג באטייליגונג אין אגריקולטור און פארשידענע קונסטליכע היים ווערק***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט, ביי די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר, אונטערגעשריבן אן [עקזעקיוטיוו ארדער]() פאראדרנענדיג סטעיט אגענטורן צו פארגרעסערן די פראצענטן פון עסנווארג וואס ווערט איינגעקויפט פון ניו יארקע פארמער און פראדוצירער צו 30 פראצענט פון זייערע סך הכל איינקויפונגען ביז פינף יאר. די גאווערנער האט אונטערגעשריבן א נייער געזעץ צו צוזאמברענגען סטודענטן ביי די ניו יארק סטעיט פעיר צו אויפקומען מיט נייע אגריקולטורישע טעכנאלאגיעס און אזוי אויך א געזעץ צו שטיצן קלענערע און נייערע פעירס (קארניוואלן) אריבער די סטעיט בשעת'ן שטופן פאר יונגווארג באטייליגונג אין אגריקולטור און פארשידענע קונסטליכע היים ווערק.

"אגריקולטור איז א די רוקנביין פון אונזער סטעיט, און אונזערע סטעיט'ס קארניוואלן זענען די בעסטע וועג דאס צו ארויסווייזן — און דערפאר נעמען מיר אונטער גרויסע שריט צו שטיצן סיי אונזערע פארמער און סיי אונזערע פעירס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכן פארמערן די מאס פון עסנווארג וואס סטעיט אגענטורן מוזן איינקויפן פון לאקאלע פארמער און פראדוצירער, אינוועסטירן מיר ווייטער אין פארם פראדוקציע און עסנווארג פראצעסירונג אין ניו יארק. מיר וועלן פארזעצן צו אונטערנעמען דייטליכע שריט צו שטיצן אונזער קומענדיגע דור פון פארמער און די צוקונפט פון אונזער אגריקולטורישע אינדוסטריע פאר צענדליגע יארן אין די צוקונפט."

ניו יארק סטעיט אגענטורן באריכטן יעצט אז זיי גיבן אויס נאענט צו 4 מיליאן דאלאר אויף ניו יארקע עסנווארג; די נייע אונטערנעמונג וועט ציהלן צו איינשאפן און איינקויפן נאענט צו 400 מיליאן דאלאר אין ווערט פון עסנווארג פון ניו יארקע פארמער. די עקזעקיוטיוו ארדער פאראדרנט די אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services, OGS) צו פארזיכערן אז אירע צענטראליזירטע עסנווארג קאנטראקטן גיבן דין קדימה פאר איינקויפונגען פון ניו יארקע פראדוצירער. עס פארלאנגט פון אגענטורן

צו באריכטן צו די OGS אלע עסנווארג איינקויפונגען, אריינרעכענענדיג אזעלכע וועלכע ווערן איינגעקויפט דורך סערוויס פּראָווײַדערס וואס זענען אונטער קאנטראקט מיט די אגענטורן, צו פארזיכערן אז די 30 פראצענט ציהל ווערט נאכגעקומען. די 30 פראצענט ציהל קען ערגרייכט ווערן צוביסלעך, מיט אגענטורן מוזנדיג איינקויפן 5 פראצענט פון זייערע עסנווארג פראדוקטן פון ניו יארק ביז די ענדע פון היי יאר; 15 פראצענט ביז די ענדע פון 2024; 20 פראצענט ביז די ענדע פון 2025; 25 פראצענט ביז די ענדע פון 2026; און 30 פראצענט ביז די ענדע פון 2027.

די עקזעקיוטיוו ארדער פאראדנט אויך די דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס ( Department of Agriculture and Markets) און די OGS צו צוזאמרופן אן ארבעט גרופע, וואס וועט באשטייין פון פארשטייער פון די דעפּארטמענט פון טורמע און קאמיוניטי אויפזיכט ( Department of Corrections and Community Supervision), די אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע ( Office of Addiction Services and Supports), די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health) און די אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס ( Office for People with Developmental Disabilities), די העלט דעפּארטמענט, אפיס פאר פארעלטערנדע מענטשן (Office of the Aging) צוזאמען מיט אנדערע סטעיט אגענטורן וואס קויפן איין עסנווארג. די גרופע וועט ארבעטן צו טרעפן געלעגנהייטן צו פארמערן דאס איינקויפונג פון ניו יארק סטעיט עסנווארג פראדוקטן, רעקאמענדירן אנווייזונגען וויאזוי צו ארויסהעלפן סטעיט אגענטורן צו פארגרעסערן די מאס פון ניו יארק סטעיט עסנווארג פראדוקטן וואס זיי קויפן איין און רעקאמענדירן פאדערונגען פאר זאמלונג פון אינפארמאציע און באריכטונג צו ערגייכן די עקזעקיוטיוו ארדער'ס ציהלן.

די עקזעקיוטיוו ארדער מוטיגט אויך קאונטי און לאקאלע רעגירונגען, און אזוי אויך לאקאלע סקול דיסטריקטס וועלכע באטייליגן זיך נאכנישט אין די סטעיט'ס 30 פראצענט סקול איניציאטיוו, זיך צו אנשליסן ביים אליין אויך נאכקומען די ציהל.

אין צוגאב האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן א ביל (A.1528-A/S.1723-A) וואס אנגעהויבן פון קומענדיגע יאר וועט עס צוזאמברענגען יונגע מענטשן וואס זענען אינטערעסירט אין אגריקולטור, וויסנשאפט און טעכנאלאגיע ביי די ניו יארק סטעיט פעיר צו אויפקומען מיט נייע לייזונגען פאר פראבלעמען וואס פלאגן אגריקולטור און עסנווארג פראדוקציע. טעכנאלאגישע פארשריט אין פארמינג האבן שוין דראסטיש געטוישט די אגריקולטורישע אינדוסטריע, און עס וועט ווארשיינליך פארזעצן אזוי צו טוהן, און דאס וועט העלפן אויפטרייבן אינטערעסע און נייגער פון יונגע שעפערישע ערפינדער אין די שוועריגקייטן פון די אגריקולטורישע אינדוסטריע.

**סטעיט סענאטאר דזשעימס סקופּיס האט געזאגט,** "די נייע יונגווארג 'טשעלענדזש' דינט צו באפולמעכטיגן אונזערע צוקונפטיגע פארמער מיט די כלים צו זיך פארמעסטן מיט אויפשטייגנדע שוועריגקייטן אין די אגריקולטורישע אינדוסטריע. די דרוקנדע פראבלעמען וואס שטייען פאר פארמער און עסנווארג פראדוצירער היינט – אריינרעכענענדיג גאר הויכע פראדוקציע קאסטן און די נויט פאר מער ענערגיע שפּארזאמקייט – קענען נישט פארנאכלעסיגט ווערן. איך באדאנק די גאווערנער פארן אונטערשרייבן די ביל וואס וועט אריינציהען סטודענטן אין א פריע עלטער און איינזייען א קערל פון ערפינדונג-געטריבענע שטאנדהאפטיגקייט פאר א זיכערע, געזונטערע מארגן."

**אסעמבלי מיטגלידערין קערי ווערנער האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס אונטערשרייבונג פון די צווי בילס ביי די היי-יאריגע ניו יארק סטעיט פעיר ווייזט ארויס ניו יארק'ס איבערגעגעבנקייט צו- און פירערשאפט ראלע אין דאס שטופן פאר באטייליגונג פון יונגווארג אין אגריקולטור. כדי צו נאכקומען די שוועריגקייטן פון די צוקונפט בשעת'ן היטן אויף די סטעיט'ס שטארקע אגריקולטורישע טראדיציעס, מוז ניו יארק פארגרעסערן די צאל פון נייע פארמער און פארמינג טעכניקן."

גאווערנער האקול האט אויך אונטערגעשריבן א ביל (A.2935/S.5526) צו שטיצן קלענערע און נייערע פעירס אריבער די סטעיט און צו שטופן פאר יונגווארג באטייליגונג אין אגריקולטור און אין פארשידענע קונסטליכע היים ווערק דורכן פארגרינגערן די באדינגונגען פאר פעירס צו קענען צוריקבאצאלט ווערן. צושטעלן פינאנצירונג פאר קאונטי פעירס העלפט שטופן אגריקולטור און קונסטליכע היים ווערק צווישן יונגווארג דורכן מוטיגן יונגווארג זיך צו באטייליגן אין פארמעסטן ארום קונסטווערק, בהמות און חיות און די מעגליכקייטן צו ערשיינען אין פארנט פון מענטשן. אזוי ווי עס איז יעצט מוזן פעירס באצאלן צום וויניגסטנס $5,000 אין באלוינונגען פאר יונגווארג כדי צו ווערן בארעכטיגט צו צוריקגעצאלט ווערן פאר זייערע אויסגאבן פון די סטעיט. צוליב דעם קומען קלענערע פעירס אריבער די סטעיט נישט אן צו די באדינגונג פון $5,000 פאר באצאלטע באלוינונגען און זענען יעצט נישט בארעכטיגט צו צוריקגעצאלט ווערן דורך די סטעיט. כדי צו שטיצן אלע די קערפערשאפטן וועלכע שטופן אגריקולטור און קונסטליכע היים ווערק אין די סטעיט, אפגעזעהן פון זייער גרויסקייט, וועט די סטעיט יעצט אפפערן א מינימום פון $2,500 אין באלוינונגען כדי צו צוריקצאלן פאר קאונטי פעירס אונטער די ביל, אלע פון וועלכע ארגאניזירן די וויכטיגע פארמעסטן פאר ניו יארק סטעיט יונגווארג.

**סטעיט סענאטארשע מישעל הינטשי האט געזאגט,** "קליינע קאונטי פעירס אריבער ניו יארק סטעיט ברענגען אומשאצבארע פירערשאפט געלעגנהייטן וועלכע העלפן יונגע מענטשן אויפבויען זייער זעלבסטשטענדיגקייט און לערנען סקילס און צו באקומען זעלבסט-זיכערהייט מיט זייערע מעגליכקייטן. דורך די ביל, גיבן פאר קליינע קאונטי פעירס א קריטישע עקאנאמישע מיטל זיי צו העלפן היטן אויף פעיר באטייליגונג דורך יונגווארג און שטיצע פאר אונזער קומענדיגע דור פון פירער. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן אריינשרייבן די ביל אינעם געזעץ, און איך קוק ארויס צו זעהן פילע לאקאלע פעירס אריבער די סטעיט בענעפיטירנדיג פון די פארברייטערטע בארעכטיגונג."

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור דעפארטמענט קאמישאנער, ריטשארד באל, האט געזאגט,** "מיט די הצלחה פון אונזערע אינציאטיוון ווי 'פארם-צו-סקול', די 30 פראצענט ניו יארק סטעיט אינציאטיוו און Nourish New York (ערנער ניו יארק), האט די גאווערנער אוועקגעשטעלט א באגייסטערנדע ציהל צו פארמערן איינקויפונגען פון אינסטיטוציעס און אגענטורן פון ניו יארק סטעיט עסנווארג צו 30 פראצענט ביז 2028. די נייע אינציאטיוו וועט זיין מהפכיות'דיג פאר ניו יארקע אגריקולטור, העלפנדיג גיבן אן עקאנאמישע שטופ פאר אונזערע פארמער און פארזיכערן די לאקאלע עסנווארג סופליי טשעין, פון דעם פארמער ביז דעם קונד."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס קאמישאנער, דזשינעט מאָיִ, האט געזאגט,** "די OGS מאנשאפט איז שטאלץ צו האבן א וויכטיגע ראלע אין גאווערנער האקול'ס באמיאונגען צו שטיצן ניו יארק'ס פארמער און נוצן די סטעיט'ס באדייטנדע כוח פון איינקויפונגען צו פארשטערקערן אונזער אגריקולטורישע עקאנאמיע. מיר ווילן ארבעטן מיט אונזערע פארקויפער און מיט סטעיט אגענטור שותפים צו פארמערן די אוועילעביליטי און באנוץ פון לאקאל פראדוצירטע עסנווארג וואס ווערט געאפפערט דורך סטעיט קאנטראקטן."

**ניו יארק פארם ביורא פרעזידענט, דעיוויד פישער, האט געזאגט,** "די ניו יארק פארם ביורא איז דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן אן עקזעקיוטיוו ארדער צו מאכן דאס איינקויפן לאקאלערהייט פאר א פריאריטעט פון די סטעיט, צוזאמען מיט די בילס צו אינוועסטירן אין אונזערע יונגע מענטשן. די ניו יארק סטעיט רעגירונג איז א גרויסע מארקעט פאר ניו יארקע פראדוקטן דורך סטעיט אגענטורן, אוניווערסיטעטן און די טורמע סיסטעם, צווישן אנדערע. דאס פארגרעסערן די קאפאציטעט פון די מארקעט שטיצט פאמיליע ביזנעסער אריבער ניו יארק און ברענגט מער פרישע, נארהאפטיגע פראדוקטן אריין אין די הענט פון ניו יארקער. עס איז א געווינס פאר יעדן. מיר שטיצן אויך אינציאטיוון צו שאפן מער געלעגנהייטן פאר יונגווארג ביי קאונטי פעירס און דורך די נייע 'יונגווארג אנטוויקלונג אגריקולטור טעכנאלאגיע טשעלענדזש'. טעכנאלאגיע איז א גרויסע חלק פון מאדערנע אגריקולטור.

וויסנשאפט און פארשונג זענען גאר וויכטיג צו העלפן פארמס פארבעסערן דאס וואס זיי טוהען, אריינרעכענענדיג זיך נעמען צו גרויסע שוועריגקייטן ווי קלימאט טויש. אפגעזעהן פון אויב די סטודענטן זענען אין די נארט קאנטרי אדער אין ניו יארק סיטי — אויב מיר אינוועסטירן אין אונזערע יונגע מענטשן, קענען מיר צושטעלן א בעסערע וועג פאר די קומענדיגע דור פון פראבלעם לייזער אויף אונזערע פארמס."

**צייטווייליגער עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די NYS Horticultural Society, דזשים ביטנער, האט געזאגט,** "האבנדיג געווען אין פראדוקציע אגריקולטור פאר איבער 40 יאר, פארשטיי איך די וויכטיגקייט פון לאקאלע פראדוקטן. אלץ א מילכיגס פארמער האב איך צוגעשטעלט א פראדוקט פון די העכסטע קוואליטעט; יעצט אז איך האב א פרוכט פארעם, ארבעט איך צו פארזיכערן אז אונזערע עפל, קירשן, פיטשעס און אנדערע פרוכטן קענען פיטערן נישט נאר אונזער לאקאלע קאמיוניטי נאר אויך אלע ניו יארקער. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט לאקאלע רעגירונגען און מיט די סטעיט צו ערפילן די מיסיע פון די גאווערנער'ס עקזעקיוטיוו ארדער."

די עקזעקיוטיוו ארדער איז א חלק פון די גאווערנער'ס פארפליכטונג וואס זי האט געמאכט אין איר 2023 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע און אין די ניו יארק סטעיט בודזשעט צו פארמערן די שטאנדהאפטיגקייט און קאפאציטעט פון ניו יארק'ס עסנווארג סיסטעם און צו פארשטערקערן לאקאלע עקאנאמיעס דורכן שאפן א גרעסערע פארלאנג פאר ניו יארק-געוואקסענע אגריקולטורישע פראדוקטן. עס בויט אויך ארויף אויף ניו יארק סטעיט'ס באמיאונגען צו שטיצן ניו יארקע פארמער און פראדוצירער און זיי צו פארבינדן מיט נייע מארקעטס דורך פראגראמען ווי פארם-צו-סקול, די 30 פראצענט ניו יארק סטעיט אינציאטיוו, Nourish New York און 'ניו יארק סטעיט געוואקסן און סערטיפייד' ( & New York State Grown Certified). אין צוגאב האבן די גאווערנער'ס לעצטיגע שריט צו שטיצן פארם-צו-סקול אינציאטיוון וועלכע זענען אריינגעלייגט געווארן אין די סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 באדייטנד געהעכערט די סומע וואס סקולס קענען אליין באשליסן צו אויסגעבן אויף לאקאלע עסנווארג און עסנווארג פראדוקטן פון $20,000 צו $150,000.

באגלייטנדיג די אינציאטיוון, פירט די קארנעל אוניווערסיטעט'ס Charles H. Dyson School of Applied Economics and Management יעצט דורך פארשונגען איבער די גורמים וואס האבן איינפלוס איבער די אמת'ע קאסטן פון עסנווארג מיט די ציהל צו פארמערן די מעגליכקייט פון לאקאלע עסנווארג צו קאנקורירן. די ארבעט גרופע וועט איבערקוקן די פארשונג און עס ארייננעמען אין באטראכט ביי אירע אנאליזירונגען און דיסקוסיעס ארום איינקויפונג אפציעס זיך רוקנדיג פאראויס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418